לה. מאמר (בעין שיחה) ד"ה אך בגורל יחלק את הארץ.

* * *

לט. מ'איז דאך אויך רגיל צו אפלערנען א פסוק חומש מיט פירש"י, און אויך א משנה אין פרקי אבות אין דעם פרק פון דעם שבת, און אויך א הערה פון מאמר אויפן זהר.

בנוגע לפירש"י – איז דא א פסוק בפרשתנו וואס איז אינגאנצן ניט מובן ע"פ פשש"מ. און רש"י שטעלט זיך ניט אויף דערויף, נאר ער שטעלט זיך אויף אנדערע פרטים וואס זיינען לכאו' ניט נוגע צו פשש"מ.

וואס דאס איז דער פסוק "ובני קרח לא מתו" (כו, יא). וואס דאס קומט בהמשך צו דעם וואס ס'שטייט פריער "ובני אליאב נמואל ודתן ואבירם הוא דתן ואבירם . . אשר הצו על משה ועל אהרן בעדת קרח . . ותפתח הארץ את פי' ותבלע אותם ואת קרח" (ט-י), ובהמשך לזה זאגט ער אז "ובני קרח לא מתו".

איז לכאו' אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: דא רעדט זיך דאך וועגן מניין בנ"י, איז בשעת כ'רעכנט אוים "בני אליאב", וואס צווישן זיי זיינען געווען אויך "דתן ואבירם", זאגט מען אז דאס זיינען די "אשר הצו . . בעדת קרח" וואס דערפאר איז "ותפתח הארץ את פי' ותבלע אותם וגו'", ובמילא זיינען זיי ניט נמנה געווארן אין דעם מנין; אבער וואס איז דא נוגע צו זאגן אז "בני קרח לא מתו", אויב מ'וויל דערציילן אז "בני קרח לא מתו", האט מען דאס געדארפט דערציילן אין פ' קרח – איז פארוואס שטייט דאס (ערשט) בפרשתנו? און רש"י שטעלט זיך גארניט אויף דערויף?!

מ. וואס זאגט יא רש"י בפירושו: ער ברענגט אראפ דעם גאנצן פסוק "ובני קרח לא מתו", און זאגט אויף דערויף א גאנצע אריכות: "הם היו בעצה תחלה, ובשעת המחלוקת הרהרו תשובה בלבם, לפיכך נתבצר להם מקום גבוה בגיהנם וישבו שם". וואס לכאו' זיינען דא פאראן כמה פרטים וואס זיינען ניט נוגע אין פשש"מ (כדלקמן).

דעם זעלבן ענין (אז בני קרח האבן תשובה געטאן) ברענגט שוין רש"י אין פ' קרח (טז, ז), אבער דא איז ער מוסיף אויף דערויף כמה פרטים:

דארטן זאגט רש"י: "וקרח שפקח הי' מה ראה לשטות זה, עינו הטעהו ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו שמואל ששקול כנגד משה ואהרן . . וכ"ד משמרות עומדות לבני בניו . . אמר אפשר כל הגדולה הזאת עתידה לעמוד ממני ואני אדום . . שמע מפי משה שכולם אובדים ואחד נמלט . . טעה ותלה בעצמו. ולא ראה יפה לפי שבניו עשו תשובה".

אבער בפרשתנו איז רש"י מוסיף נאך כמה פרטים, וואס זיינען לכאו' ניט פארשטאנדיק:

א) רש"י זאגט אז "הם היו בעצה תחלה". איז ניט פארשטאנדיק פון וואנעט נעמט דאס רש"י, ואדרבה, ס'שטייט דאך "ויקח <u>קרח</u> גו'", ד.ה. אז קרח האט אנגעהויבן די מחלוקת ("ויקח – ואתפלג"). איז פון וואנעט נעמט רש"י אז "הם (<u>בני</u> קרח) היו בעצה תחלה"?

דאס וואס רש"י רעכנט אז בני קרח האבן זיך אויך בשותף געווען אין די מחלוקת, אזוי ער רעכנט ניט ווי דער [illegible] ([illegible]) אז "בני קרח לא מתו" דערפאר וואס זיי האבן זיך ניט בשותף געווען אין די מחלוקת. איז פארשטאנדיק –

[illegible]

אותם . . ואת כל האדם אשר לקרח", וואס דאס איז כולל אויך עבדים ושפחות, ועאכו"כ בני קרח - וואס דערפאר מוז רש"י זאגן אז זיי האבן זיך משתתף געווען אין די מחלוקת, און ביי זיי איז אויך געווען דער "וירדו . . חיים שאולה" (שם לג), נאר "ובני קרח לא מתו", דערפאר וואס זיי האבן תשובה געטאן; ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק פון וואנעט נעמט רש"י אז "הם היו בעצה תחלה"?

און בשעת מ'גיט א קוק אין מדרשים, געפינט מען ניט ס'זאל שטיין אז "הם היו בעצה תחלה" (סיידן ס'איז ערגעץ דא אזא גרסא) - איז וואו איז דער הכרח אויף דערויף אין פשש"מ?

ב) פארוואס זאגט רש"י "בשעת המחלוקת הרהרו תשובה", בפשטות איז מערער מסתבר צו זאגן אז זיי האבן תשובה געטאן נאך דערויף, ווארום אויב מ'וועט זאגן אז זיי האבן תשובה געטאן "בשעת המחלוקת", איז ניט מובן בתחלה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר?! משא"כ אויב מ'וועט זאגן אז זיי האבן תשובה געטאן נאך די מחלוקת, איז מובן בפשטות, ווארום בשעת זיי האבן געזעהן אז "ותפתח הארץ את פי' ותבלע אותם", האבן זיי זיך געכאפט אז זיי האבן געטאן ניט קיין גוטע זאך, האבן זיי גלייך תשובה געטאן - איז פארוואס זאגט רש"י אז דאס איז געווען "בשעת המחלוקת"?

ג) אין פ' קרח זאגט רש"י "שבניו עשו תשובה", און בפרשתנו זאגט ער "הרהרו תשובה בלבם", איז ניט מובן וואס איז די הדגשה אז דאס איז געווען "בלבם", דלכאו', דער בן חמש למקרא ווייסט דאך אז "כלפי שמיא גליא", איז אויב דאס איז נאר א תשובה אמיתית, איז ניט קיין נפק"מ צי דאס איז בלב, צי ס'איז בדיבור - איז פארוואס זאגט רש"י "הרהרו תשובה בלבם"?

ד) רש"י זאגט "נתבצר להם מקום גבוה בגיהנם". וואס אין גמ' (סנהדרין קי, א) שטייט נאר "מקום נתבצר להם בגיהנם", און רש"י (ד"ה נתבצר) טייטשט אפ אז נתבצר איז "מלשון עיר בצורה, החקין להון הקב"ה מקום גבוה שלא העמיקו כ"כ בגיהנם ולא מתו". דארף מען פארשטיין פארוואס ברענגט דא רש"י ביידע ענינים: סיי דעם ענין פון "נתבצר", און סיי "מקום גבוה"?

ה) דערנאך איז רש"י ממשיך: "וישבו שם". וואס לכאו' איז ניט מובן וואס איז דער דיוק פון "וישבו שם", מ'קען זאגן "והיו שם" וכיו"ב?

און ווי גערעדט אין די פריערדיקע התוועדות (ש"פ בלק סל"ד) אז דער ענין פון ישיבה באווייזט אויף "שלוה", ווי רש"י זאגט אויף "וישב יעקב" (ר"פ וישב), "בקש יעקב לישב בשלוה" - איז ניט מובן פון וואנעט נעמט רש"י אז זיי זיינען געווען אין גיהנם אין אן אופן פון "ישבו שם", בשלוה?!

און עיקר הקושיא איז, דאס וואס רש"י שטעלט זיך ניט אויף דעם וואס דער פסוק "ובני קרח לא מתו" שטייט אין פ' פינחס און ניט אין פ' קרח (כנ"ל). וכמדובר כמ"פ אז פירש"י איז פשש"מ, ד.ה. אז אלע ענינים וואס זיינען ניט פארשטאנדיק אין פשש"מ, דארף זיי רש"י מבאר זיין; ולאידך, ברענגט רש"י בפירושו נאר ענינים וואס זיינען נוגע אין פשש"מ - איז ניט מובן פארוואס שטעלט ער זיך ניט אויף די קושיא הנ"ל, נאר ער ברענגט ככה פרטים וואס לכאו' זיינען זיי ניט נוגע אין פשש"מ.

אין מדרש (ב"ר פצ"ח, ב. וראה פי' ידי משה שם) ברענגט זיך אראפ אז דאס וואס חנה האט געזאגט בתפלתה "מוריד שאול ויעל" (ש"א ב, ו), גייט דאס אויף שמואל, וואס ער איז דאך געקומען פון בני קרח, און אויף

- דערויף -



הנחת הת' בלתי מוגה

דערויף האט חנה געזאגט "מוריד שאול ויעל", אז פריער זיינען בני קרח געווען אין שאול, און דערנאך איז געווען דער "ויעל", וואס דורך דעם איז שמואל געבארן געווארן.

עד"ז שטייט אז דוד המלך האט מתפלל געווען אויף עדה קרח וואס האבן ניט קיין חלק לעוה"ב - אז דער אויבערשטער זאל זיי ארויסנעמען פון שאול און געבן זיי א חלק לעוה"ב (סנהדרין קט, ב ובפירש"י). אבער רש"י ברענגט ניט די מדרשים, ווייל רש"י ברענגט נאר די ענינים וואס זיינען בנוגע צו פשש"מ.

וכפי שיתבאר לקמן.

מא. בנוגע צו פרקי אבות - וואס היינטיקן שבת הויבט מען אן נאכאמאל פרקי אבות - וועט מען זיך אפשטעלן אויף משנה ג': "אנטיגנוס איש סוכו קבל משמעון הצדיק, הוא הי' אומר אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס, אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס, ויהי מורא שמים עליכם".

וואס דער פי' אין "ויהי מורא שמים עליכם" איז, כמבואר אין פיהמ"ש להרמב"ם, אז פריער שטייט דאך אז ס'דארף זיין די עבודה "שלא על מנת לקבל פרס", וואס דאס איז דאך אן עבודה מאהבה; און דערנאך איז ער ממשיך אז ס'איז ניט גענוג עבודה מאהבה, נאר ס'דארף אויך זיין עבודה ביראה (ויהי מורא שמים עליכם).

איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

א) דער ענין פון יראת ה' איז דאך א מ"ע מן התורה, ווארום ע"ד ווי ס'שטייט "ואהבת את ה' אלקיך" (ואתחנן ו, ה), שטייט אויך "את ה' אלקיך תירא" (שם יג), מיט נאך פסוקים וואס רעדן וועגן די מ"ע פון יראת ה'. און ווי דער רמב"ם אליין שרייבט אין הל' יסוה"ת (רפ"ב) אז ס'איז דא א מ"ע פון אהבת ה', און ס'איז דא א מ"ע פון יראת ה'. ביז אז דער ענין פון יראת ה' איז דער שורש פון כל שס"ה ל"ת (תניא פ"ד) -

איז דאך ניט מובן ווי קומט דאס אז אין פרקי אבות, וואס דאס איז דאך "מילי דחסידותא" (ראה ב"ק ל, א), זאל מען דארפן באווארענען וועגן די מ"ע פון יראת ה'?!

ב) די גרסא במשנתנו איז "כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס"; ס'איז אבער דא אן אנדער גרסא, ווי מ'ברענגט זיך אראפ בכ"מ, און אויך אין הכשך הער"ב (ח"ב כפשכ"ה) - "כעבדים המשמשין את הרב על מנת שלא לקבל פרס".

וואס דער חילוק צווישן ביידע גירסאות איז פארשטאנדיק בפשטות: לויט די גרסא "שלא על מנת לקבל פרס", קומט אויס אז <u>סתם</u> עבודה (ער טראכט ניט וועגן שכר, און ניט וועגן שלילת השכר) איז אויך אין דעם כלל; משא"כ לויט די גרסא "על מנת שלא לקבל פרס", דארף זיין די עבודה אין אן אופן אז ער זאל <u>שולל</u> זיין דעם ענין הפרס (און סתם עבודה איז ניט בכלל זה).

דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער אלטער רבי אריינגעשטעלט בסידורו די גרסא "שלא על מנת לקבל פרס", לכאו' איז דא אן ענין נעלה יותר - "על מנת שלא לקבל פרס"?

ג) לכאו' איז ניט מובן - ווי ס'שטעלן זיך אלע מפרשים (ראה מדר"ש לאבות שם) - ווי קען אנטיגנוס זאגן "<u>אל תהיו</u> כעבדים המשמשין את הרב ע-

מנת לקבל פרס" - ס'שטייט דאך בפירוש אין עשה"ד "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך" (יתרו כ, יב), ועד"ז אין פ' שני' דק"ש שטייט "למען ירבו ימיכם גו'" (עקב יא, כא), וואס דער טייטש פון "למען" איז - "כדי", ד.ה. אז קיום המצוות דארף זיין כדי, על מנה, לקבל פרס -

איז ווי קען אנטיגנוס איש סוכו זאגן פארקערט דערפון וואס ס'שטייט אין פסוק; דאס וואס ער זאגט "אל תהיו כו' על מנה לקבל פרס", איז דאך כאילו ווי ער וואלט געזאגט "אל תהיו כו' למען יאריכון ימיך" וכיו"ב - היפך הכתובים?!

בנוגע צו "אם בחוקותי תלכו גו'ונתתי גשמיכם בעתם וגו'" (בחוקותי כו, ג-ד), קען מען ענטפערן אז דאס איז מערניט ווי א סיפור דברים; אבער אויף "למען יאריכון ימיך", און "למען ירבו ימיכם" קען מען אזוי ניט ענטפערן.

וכפי שיתבאר לקמן.

מב. בנוגע צו די הערות אויפן זהר, איז דא דער זהר בפרשתנו (ריג, ב) וואס ער שמועסט זיך אויף "אם אשכחך ירושלים", און ער זאגט אז ירושלים איז "היכלא יקירא יאה ושפירא".

שמועסט ער זיך אין די הערות (ע' תכה) אויף די דריי לשונות "יקירא יאה ושפירא", און איז דאס מבאר אין אותיות הקבלה, אז דאס איז כנגד די דריי קוין וכו'.

וכמדובר כמ"פ אז ער האט געשריבן נאר די ענינים שיש בהם חידוש, און די איבעריקע ענינים האט ער זיך פארלאזט אז מ'וועט זיך אליין כאפן אויף זיי, ובפרט אז ס'איז געווען א צמצום אין דעם דיו ונייר, ביז אז ער האט געדארפט שרייבן אויף די גליונות פון ספר הזהר, וואס דערפאר האט ער געשריבן בקיצור, און נאר די ענינים הכי מוכרחים, און האט זיך פארלאזט אז אויף די אנדערע ענינים וועט מען זיך אליין כאפן וויסנדיק ווי די ענינים רעדן זיך אין ספרי קבלה וספרי נגלה -

וואס לכאו' איז ניט מובן פארוואס ברענגט ער די דריי לשונות נאר אין דעם ענין; אויב נאר מצד דערויף וואס דאס איז כנגד די דריי קוין, איז אין יעדן ארט וואו ס'רעדט זיך וועגן ירושלים, האט מען געדארפט ברענגען די דריי לשונות - דארף מען דאך זאגן אז דאס איז נוגע דוקא אין דעם ענין. וכפי שיתבאר לקמן.

מג. בהמשך להמדובר לעיל אז דער ענין פון שב"ם מנ"א איז, אז דעמולט בענטשט מען אלע טעג פון דעם חודש - איז כאן המקום צו דערמאנען נאכאמאל דאס וואס מ'האט מציע געווען אז בבסך פון די דריי וואכן זאל מען מוסיף זיין סיי אין לימוד התורה און סיי אין דעם ענין פון צדקה, וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה", וואס "משפט" גייט אויף דעם ענין פון תורה (לקו"ת ר"פ דברים), "ושבי' בצדקה", וואס אין "ושבי'" איז דא דער פי' אז דאס איז מלשון שבי', און אויך דער פי' אז דאס איז מלשון אומקערן.

ובהוספה - אז פון ר"ח מנחם אב, וואס דעמולט קומט צו סיי בכמות סיי באיכות אין די "שקדים מרים" וואס זיינען דא במשך פון די כ"א יום (ווי רש"י ברענגט אראפ דעם ענין פון די כ"א יום אין די הפטרה פון היינטיקן שבת (ירמי' א, יב)), וואורום אין די ניין טעג קומען צו דינים מיוחדים מערער ווי אין די י"ב ימים ראשונים -

- זאל -



הנחת הת' בלתי מוגה

זאל דעמולט זיין א הוספה סיי בכמות און סיי באיכות, אין לימוד התורה און אין דעם ענין פון צדקה, בהוספה אויף די י"ב ימים הראשונים פון די דריי וואכן.

אנהויבנדיק פון ר"ה מנ"א, וואס ראס איז ביום השבת, אז ס׳זאל זיין א הוספה אין לימוד התורה, ועד"ז בנוגע צו דעם ענין פון צדקה – וואס בשבת קען דאך ניט זיין דער ענין פון צדקה דורך ממון, זאל דאס זיין אדער בערב שבת צוליב שבת, אין אן אופן פון "והכינו את אשר יביאו גו׳" (בשלח טז, ה), אדער דורך צדקה באופן המותר בשבת, דורך געבן ענינים פון אכו"ש וכיו"ב. וכנ"ל אז די הוספה זאל זיין סיי בכמות און סיי באיכות.

און אזוי ווי טבע בנ"א איז דאך אז מ׳וויל האבן אלעמאל אן ענין של הידוש – זאל די הוספה זיין כדאשתקד, אין די ענינים פון תורה וואס רעדן וועגן בנין ביהמ"ק און גאולת הארץ (וואס מאיזה סיבה שתהי׳ האט מען פריער ניט געזאגט אין וואס זאל זיין די הוספה), ועד"ז בנוגע צו תשעה באב – אין די ענינים המותרים ללמוד בת"ב – אויב משיח וועט ח"ו ניט קומען ביז דעמולט.

ועד"ז בנוגע צו דעם ענין פון צדקה – זאל דאס אויך זיין פארבונדן מיט דעם ענין פון בנין ביהמ"ק, וואס דאס איז דורך דעם וואס מ׳וועט געבן צדקה פאר בתי כנסיות ובתי מדרשות, וואס זיי ווערן דאך אנגערופן "מקדש מעט" (מגילה כט, א. וראה זח"א קכו, א). וואס דאס איז נוסף אויף דערויף וואס כללות ענין הצדקה איז פארבונדן מיט די גאולה, ווארום "גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה" (ב"ב י, א).

און מוסיף זיין אויך אין אלע מבצעים, וואס כללות ענין המבצעים איז דאך דער ענין הצדקה: מבצע אהבת ישראל, חינוך, תורה, תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים – יבנה וחכמי׳, נרות שבת קודש, כשרות האכו"ש, און טהרת המשפחה.

און טאן דאס אין אן אופן פון "צדקה", ד.ה. ניט אין אן אופן אז ער טוט יענעם א טובה, נאר ווי דער לשון פון צדקה וואס דאס איז מלשון "צדק", אז ער דארף דאס טאן ע"פ צדק. וכידוע דער פתגם וואס איז געווען שגור ביי די חסידים פון אלטן רבי׳ן אז די ענינים וואס ער גיט לצדקה דיינען ניט זיינע, נאר ס׳געפינט זיך ביי אים בתורת פקדון.

וכמובן בפשטות אז דאס איז ניט קיין ענין וואס ער טוט יענעם א טובה, ווארום אלע אידן זיינען ווי א גוף א׳, ווי דער צ"צ איז מבאר אין מצות אהבת ישראל, ובארוכה אין קונטרס אהבת ישראל, מיטן משל וואס שטייט אין ירושלמי (נדרים פ"ט ה"ד) וכו׳.

און דורך דערויף וועט מען זוכה זיין צו דעם מבצע וואס דער אויבערשטער וועט מאכן; וואס דאס איז די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ויהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים.

* * *

מה. די כוונה בהאמור לעיל איז. אז מ׳זאל דאס מפרסם זיין בכל מקום וואו מ׳קען נאר דערגרייכן. וכל המרבה הרי"ז משובח.

מו. דער ביאור אין פירש"י:

אין פ׳ קרח איז דאך רש"י מבאר "וקרח שפקח הי׳ מה ראה לשטות זה", ד.ה. אז ביי קרח איז דאס ניט געווען אין אן אופן פון "החטאים האלה

– בנפשותם" –

בנפשותם", ווי רש"י זאגט אז "הם חטאו על נפשותם", וואס זיי האבן זיך איינגעשטעלט אין סכנה - נאר קרח האט געטראכט אז וויבאלד פון אים וועט ארויסגיין שמואל און כ"ד משמרות כהונה, איז אע"פ אז משה רבינו האט געזאגט אז "כולם אובדים כו'", וועט ער זיכער בלייבן, ווארום פון אים דארפן דאך ארויסגיין שמואל מיט די כ"ד משמרות כו'. ד.ה. אז ער האט דאס הולה געווען אין "בניו", וויבאלד אז פון אים דארף ארויסקומען שמואל וכו'.

און ס'איז דאך פארשטאנדיק אז קרח האט דערציילט זיין סברא (פארוואס פירט ער די מחלוקת מיט משה רבינו) עכ"פ צו די וואס זיינען געווען נאהענט צו אים, ועכ"פ צו בניו, ווארום אויב ער וואלט זיי דאס ניט דערציילט, וואלטן זיי אים ניט געלאזט פירן די מחלוקת, ווארום וויבאלד אז זיי הערן פון משה רבינו אז "כולם אובדים כו'", און זיי האבן געגלויבט אין משה רבינו - וואלטן זיי געדארפט היטן זייער פאטער, מוז מען דאך זאגן אז ער האט זיי דערציילט אז ער זעט "שלשלת גדולה יוצאה ממנו".

ועפי"ז איז מובן אז בשעת זיי האבן דאס דערהערט, ד.ה. אז דאס איז נוגע צו זייער גדלות, ווארום די "שלשלת גדולה" וועט דאך ארויסקומען פון זיי (און אויף זיי האט קרח תולה געווען), איז דאך פארשטאנדיק אז זיי האבן (ניט נאר ניט מונע געווען קרח'ן פון קריגן זיך אויף משה רבינו, נאר זיי האבן) נאך געהעצט נאכמער ווי קרח אליין, ווארום זיי האבן דערהערט אז דאס איז פארבונדן מיט זייער גדלות.

וואס דערפאר זאגט רש"י "הם היו בעצה תחלה": בשעת ס'רעדט זיך וועגן "ויקח - ואתפלג", איז געווען "ויקח קרח", ער האט אנגעהויבן דערמיט; אבער בשעת ס'רעדט זיך וועגן "עצה", ווי אזוי צו אנפירן די מחלוקת און ווי אזוי צו העצן וכו', זאגט רש"י "הם (בני קרח) היו בעצה תחלה", וויבאלד זיי האבן געוואוסט אז דאס איז פארבונדן מיט זייער גדלות, וואס פון זיי וועט ארויסגיין א "שלשלת גדולה".

מו. דער ביאור אין דעם וואס רש"י זאגט אז זיי האבן תשובה געטאן "בשעת המחלוקת":

רש"י קען ניט זאגן אז בני קרח האבן תשובה געטאן ערשט נאך דערויף וואס "וירדו . חיים שאולה", ווארום ס'איז מובן בפשטות אז דעמולט האבן אלע (ניט נאר בני קרח) תשובה געטאן, וויבאלד זיי האבן געזעהן אז "ותפתח הארץ את פי' גו'",

ובמכ"ש וק"ו: מה-דאך אז בשעת דער איבערשטער האט געגעבן פרעה'ן די מכות, האט פרעה שוין געזאגט "ה' הצדיק ואני ועמי הרשעים" (וארא ט, כז), איז דאך עאכו"כ אז בשעת עדת קרח האבן געזעהן אז זיי גייען אדייך "חיים שאולה", האבן זיי זיכער דאך געשריגן "ה' הצדיק גו'" -

מוז מען דאך זאגן אז דעמולט האבן אלע תשובה געטאן - ס'האט זיי אבער שוין ניט געהאלפן, ווארום אין גיהנם העלפט שוין ניט קיין תשובה; און וויבאלד אז "בני קרח לא מתו", מוז מען דאך זאגן אז זיי האבן תשובה געטאן איידער ס'איז געווען דער "וירדו . חיים שאולה", און דערפאר זאגט רש"י אז זיי האבן תשובה געטאן "בשעת המחלוקת".

דערביי זאגט אבער רש"י אז דאס איז געווען אין אן אופן אז "הרהרו תשובה בלבם". והביאור בזה:

לכאו' איז ניט מובן: וויבאלד אז בני קרח האבן תשובה געטאן, איז פארוואס האבן זיי באקומען דעם עונש פון "וירדו חיים שאולה"?

- אויף -

אויף דערויף זאגט רש"י אז די תשובה איז געווען "בלבם". והביאור: וויבאלד אז די תשובה איז געווען בלב, האבן דאך אלע אידן ניט געוואוסט אז זיי האבן תשובה געטאן, איז ווען זיי וואלטן ניט אריין "חיים שאולה", וואלטן אידן גע'טענה'ט היתכן אז זיי זיינען געבליבן לעבן, "השופט כל הארץ לא יעשה משפט" (וירא יח, כו) - און דערפאר זיינען זיי אריין "חיים שאולה"; משא"כ ווען זייער תשובה וואלט ניט געווען נאר בלב, נאר אלע וואלטן געוואוסט אז זיי האבן תשובה געטאן, וואלטן זיי טאקע ניט אריין "חיים שאולה".

אבער וויבאלד אז דער אויבערשטער האט דאך געוואוסט אז זיי האבן יע תשובה געטאן, דערפאר איז "ובני קרח לא מתו", ניט ווי כל עדת קרח וואס נאך דערויף וואס זיי זיינען אריין "חיים שאולה" זיינען זיי געשטארבן, נאר "ובני קרח לא מתו" זייענדיק אין "שאול", וויבאלד אז זיי האבן תשובה געטאן.

מז. און אויף דערויף זאגט רש"י: "לפיכך נתבצר להם מקום גבוה בגיהנם וישבו שם", וואס דערמיט איז פארשטאנדיק ווי אזוי האט געקענט זיין אז זייענדיק אין שאול איז "לא מתו".

וואס דאס איז וואס רש"י זאגט "(נתבצר להם) מקום <u>גבוה</u>", וואס וויבאלד אז דאס איז געווען "מקום גבוה", איז פארשטאנדיק אז זיי זיינען ניט איינגעזונקען געווארן אין די אש אדער אין די "מים הזידונים" פון גיהנם (אזוי ווי עדת קרח).

ס'איז אבער נאך אלץ ניט מובן: וויבאלד אז זיי האבן געדארפט בלייבן לעבן כדי אז פון זיי זאל ארויסקומען די "שלשלת גדולה", איז ווי האבן זיי געקענט לעבן אין גיהנם, וואס דארטן איז דאך ניט געווען דער מן און די מים מבארה של מרים?!

אויף דערויף זאגט רש"י דעם לשון "<u>נתבצר</u> (להם מקום)", וואס "נתבצר" איז מלשון "מבצר", א פעסטונג, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז זיי האבן דארטן געהאט אלע ענינים וואס זיי האבן געדארפט, וויבאלד אז ס'איז געווען א פעסטונג.

און וויבאלד אז זיי האבן זיך געגרייט אז פון זיי זאל ארויסקומען א "שלשלת גדולה", שמואל און כ"ד משמרות כהונה - איז דאך פארשטאנדיק אז זיי זיינען דארטן געווען בשלוה, און דערפאר איז רש"י מדייק "<u>וישבו</u> שם".

פרעגט נאך אבער דער בן חמש למקרא: וויבאלד אז פון זיי האט געדארפט ארויסקומען שמואל, וואס שמואל האט דאך געהאט א פאטער וואס האט געהייסן אלקנה, און האט געהאט א מוטער וואס האט געהייסן חנה, און ער איז געבארן געווארן בהר אפרים - איז ווי אזוי איז שמואל ארויסגעקומען פון זיי, זיי זיינען דאך געווען אין גיהנם?!

איז דער ביאור בזה מובן בפשטות: וויבאלד אז כ"ד ווען זיי זיינען געווען בשאול זיינען זיי געבליבן לעבן, איז מובן אז לאחרי משך זמן האבן זיי געקענט ארויסגיין פון דארטן *), ובמילא איז מובן ווי אזוי

- איז -

-----------------

*) ומובן בפשטות איך יצאו משם - כפי שיודע הבן חמש שיש מערות (ולמד "מערה" (לוט), "המכפלה") שיש להם פתח בקציהן <u>ותקרה</u> בכל ההמשך החלל שלהן.

והרי רש"י כאן <u>מפרש</u> שגיהנם הוא חלל <u>בתוך</u> הארץ.

איז שמואל ארויסגעקומען פון זיי.

וכמובן פון דיוק הכתוב "ויאבדו מתוך הקהל", וואס לכאו' איז ניט מובן פארוואס שטייט "מתוך הקהל", וויבאלד אז זיי זיינען נאכד געווארן לגמרי, האט געדארפט שטיין "ויאבדו מן העולם" וכיו"ב?

איז דער ביאור בזה: דער דיוק איז אז זיי זיינען נאבד געווארן נאר "מתוך הקהל" וואס איז געווען דעמולט, דער "קהל" וואס אויף זיי שטייט ווייטער "וכל ישראל אשר סביבותיהם נסו לקולם" (קרח טז, לד); אבער דערנאך ווען ס'איז געווארן אן אנדער קהל, איז לגבי דעם נייעם קהל איז ביי בני קרח ניט געווען דער "ויאבדו" (ניט ווי ביי כרת וואס ס'שטייט (לך יז, יד. ובכ"מ) "ונכרתה הנפש ההיא מעמי'" וכיו"ב).

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק פארוואס שטייט "ויאבדו מתוך הקהל": דער "ויאבדו" איז געווען ביי אלעמען (סיי עדת קרח, סיי בני קרח), אבער ביי מקצתם, "בני קרח", איז דער "ויאבדו" געווען נאר "מתוך הקהל" דאז, אבער לגבי אן אנדער "קהל" איז ביי זיי ניט געווען דער "ויאבדו", ווייל דערנאך זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון דעם "שאול" (כנ"ל).

רש"י זאגט טאקע ניט ווען זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון דעם "שאול", ווארום פון פשטות הכתובים איז ניט קלאר ווען איז דאס געווען; ס'איז אבער מובן אז בסוף פון די ארבעים שנה, ווי די גמ' (תענית ל, ב) זאגט אז ט"ו באב איז געווען דער "יום שכלו בו מתי מדבר", איז דאך שוין געווען א נייער קהל, זיינען דארטן אויך געווען "בני קרח" (וויבאלד אז דאס איז ניט דער "קהל" וואס איז געווען דעמולט).

מח. עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס שטייט ניט "ובני קרח לא מתו" אין פ' קרח, נאר דוקא בפרשתנו:

בעת וזמן דפ' קרח לא ידעו (לפרש"י - משא"כ להיב"ע) דבני קרח לא מתו (כיון דנאבדו מתוך הקהל (דאז)) - ולכן לא נכתב זה שם, משא"כ לאחרי פ' חוקת (כא, ד בפרש"י - שהקהל הנ"ל הי' "אבותינו" דהקהל החדש).

און דערפאר שטייט דאס דוקא אין פ' פינחס, וואו ס'רעדט זיך וועגן דעם מנין פון אידן בערבות מואב, און דער בן חמש למקרא וועט דאך באלד לערנען אז ס'האט געציילט "משפחת הקרחי" (פינחס כו, נח), וועט דאך ביי אים ווערן די שאלה: ווי קען זיין אז דעמולט איז געווען "משפחת הקרחי", ס'איז דאך געווען "וירדו . . היים שאולה"?! דערפאר דארף שטיין אין פ' פינחס אז "בני קרח לא מתו", און דערפאר איז דא "משפחת הקרחי".

אבער אעפ"כ שטייט דאס ניט ווייטער, ביי "משפחת הקרחי", נאר ס'שטייט פריער, ביי דתן ואבירם - ווארום וויבאלד אז בנוגע צו דתן ואבירם דאדף מען שוין דערמאנען וועגן דעם ענין וואס איז געווען מיט עדת קרח, זאגט מען גלייך אז "בני קרח לא מתו", אלס א הקדמה צו דעם וואס שטייט ווייטער "משפחת הקרחי", כדי אז בשעת מ'קומט צום פסוק "משפחת הקרחי" זאל מען ניט דארפן איבער הזר'ן נאכאמאל דעם גאנצן ענין וואס איז געווען מיט עדת קרח.

- מס. -

-----------------

ובפורש בפרש"י דמחילוה - בכל הארץ כולה (ויחי מז, כט).

[אך דג' פתחי גיהנם (עירובין יט, א) – אין פי' הכתובים (דכיגייהו דרשינן) כן ע"פ פש"ב, ולכן פרש"י באופן אחר].